# Mordechaj Gebirtig: Jiddische Lieder

## Eine jiddische Rezension von Manfred Lemms Buch

## In hebräischer Schrift, in Transkription und (fast) zeilengleicher Eindeutschung

### באַזונגענדיק זייער לעבן, באַוויינט ער זייער טויט

יששכר פֿאַטער, רמת-אביב, ישׂראל

מאַנפֿרעד לעם, מרדכי געבירטיג - ייִדישע לידער,
פֿאַרלאַג קינסטלערטרעף װופּערטאַל, 1992, 296 זייטן.

צווישן די ווינציקע דייטשן, וואָס האָבן זיך באַמיט צו געפֿינען פֿאַרגעבונג און עקספּיאַציע פֿאַר די זינד פֿון זייערע עלטערן, פֿאַרמישטע אין אומברענג פֿון ייִדן, טיילן זיך אויס דריי קאַטע-גאָריעס: יחידים, וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפֿן אין מיסטישע מעדיטאַציעס איבער די פּראָבלעמען גאָט, מענטש, וועלט און לעבן, און צום סוף זענען זיי - אָפּגעזונדערטע פֿון דער אַרו-מיקער געזעלשאַפֿט - אַריין אין קלויסטערס ווידמענדיק זיך הילף דעם קראַנקן און שוואַכן; אַזוינע, וואָס האָבן זיך מיטן פֿולן באַוווּסטזיין דערנענטערט צו די גייסטיקע ווערטן פֿון ייִדנטום, איבערגעבנדיק זיך דעם געדאַנק פֿון לערנען תּורה ביז זיי זענען געוואָרן רבנים; אויך אַנדערע - שוין גרעסערע טיילן מאָראַלישן און מאַטעריעלן אונטערשטיץ דער קעמפֿנ-דיקער ייִדישער מדינה, אַזוי אויפֿן עקאָנאָמיש־ווירטשאַפֿטלעכן געביט אין לאַנד, ווי אויף דער פּאָליטישער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע אין דער וועלט.

אַ ספּעציפֿישן וועג פֿאַר דערנענטערן זיך צום ייִדישן פֿאָלק האָט זיך אויסגעקליבן דער יונגער דייטשישער פּאָפּזינגער מאַנפֿרעד לעם: דורך מוזיקאַלן פֿאַרבינד מיטן ייִדישן פֿאָלקסליד האָט ער זיך צו-געאייגנט די קענטעניש פֿון דער ייִדישער שפּראַך, זיך פֿאַרברודערט מיט דער ייִדישער קולטור, גייסטיק באַנומען דעם לעבנסשטייגער, טראַדיציעס און געוווינהייטן פֿון ייִדישן מאַסנמענטש, זיך צונויפֿ-געלעבט אינהאַלטלעך מיט די לידער פֿון וואָרצלדיקסטן ייִדישן פֿאָלקס־טרובאַדור מרדכי געבירטיג און געוואָרן איינער פֿון די קערנדיקסטע אויספֿירער פֿון זיינע שאַפֿונגען.

Issachar Fater, Ramat-Aviv, Jisroel

### Basungendik sejer lebn, bawejnt er sejer tojt

Manfred Lemm, Mordechaj Gebirtig - Jidische lider
farlag Kinsstlertref Wupertal, 1992, 296 sajtn.

Zwischn di winzike Dajtschn, woss hobn sich bamit zu gefinen fargebung un eksspiazie far di sind fun sejere eltern, farmischtein umbreng fun jidn, tajln sich ojss draj kategoriess: jochidim, woss hobn sich arajngeworfn in misstische meditaziess iber di problemen got, mentsch, welt un lebn, un zum ssof senen sej - opgesunderte fun der arumiker geselschaft - arajn in klojssterss widmendik sich hilf dem krankn un schwachn; asojne, woss hobn sich mitn fuln bawusstsajn dernentert zu di gajsstike wertn fun jidntum, ibergebndik sich dem gedank fun lernen tojre bis sej senen geworn rabojnim; ojch andere - schojn gressere tajln moralischn un materieln unterschtiz der kemfendiker jidischer medine, asoj ojfn ekonomisch-wirtschaftlechn gebit in land, wi ojch der politischer internazionaler arene in der welt.

A sspezifischn weg far dernentern sich zum jidischn folk hot sich ojssgeklibn der junger dajtschischer popsinger Manfred Lemm: durch musikaln farbind mitn jidischn folksslid hot er sich zugeajgnt di kentenisch fun der jidischer schprach, sich farbrudert mit der jidischer kultur, gajsstik banumen dem lebnssschtajger, tradiziess un gewojnhejtn fun jidischn massnmentsch, sich zunojfgelebt inhaltlech mit di lider fun worzldiksstn jidischn folkss-trubadur Mordechaj Gebirtig un geworn ejner fun di kerndiksste ojssfirer fun sajne schafungen.

Issachar Fater, Ramat-Aviv, Israel

### Von ihrem Leben singend beweint er ihren Tod

Manfred Lemm
Mordechaj Gebirtig - Jiddische Lieder
Verlag: Edition Künstlertreff D-42287 Wuppertal
1992, 296 Seiten. ISBN: 3 - 980 3098 - 0 - 0

Unter den wenigen Deutschen, die sich um Vergebung und Versöhnung bemühten für die Sünde ihrer Eltern - die Verstrickung in die Ermordung der Juden - gibt es drei Kategorien: Nachkommen, die sich hineingeworfen haben in mystische Meditationen über die Probleme Gott, Mensch, Welt und Leben, und zum Schluß gingen sie - abgesondert von der gesellschaftlichen Umgebung - in Klöster, um sich der Hilfe von Kranken und Schwachen zu widmen; andere, die sich mit vollem Bewußtsein den geistigen Werten des Judentums näherten, gaben sich dem Gedanken hin, die Thora zu lernen, um Wissende zu werden; und weiter jene - schon größere Teile - die moralische und materielle Unterstützung beim Kampf um den israelischen Staat gaben, sowohl auf ökonomisch- wirtschaftlichem Gebiet im Land wie auch auf der politischen, internationalen Arena in der Welt.

Einen besonderen Weg, sich dem jüdischen Volk zu nähern, hat sich der deutsche Sänger Manfred Lemm ausgesucht: durch den musikalischen Zugang zum jiddischen Volkslied hat er sich die Kenntnis der jiddischen Sprache angeeignet, sich mit der jiddischen Kultur verbrüdert, geistig beeinflußt von der Lebensmelodie, den Traditionen und Gewohnheiten des einfachen jüdischen Menschen, sich inhaltlich eingelebt mit den Liedern des urwüchsigsten jiddischen Volks-Troubadours Mordechaj Gebirtig und wurde so einer der kernigsten Interpreten seines Schaffens.

